טאראנטא וועט זעהן „גנבה'שע ליעבע" קומענדען מיטוואך

מאלי פיקאן מיט איהר ניו יארקער טרופע גיבען איין פארשטעלונג אין סטענדערד טעאטער.

די סענזאציע פון היי יאהריגען אידישען טעאטער סעזאן צוזאמען מיט די קעניגין פון געלעכטער, מאלי פיקאן, וועט

מאלי פיקאן

געזעהן ווערען קומענדען מיטוואך אווענט דעם 29־טען אפריל אין דעם סטענדערד טעאטער אין טאראנטא. מיר רעדען דא וועגען „גנבה'שע ליעבע", רומשינסקי און קאליך'ס גרעסטענע אויפפיהרונג, וואס העכער 250,000 טויזענט אידען אין ניו יארק האבען באוואונדערט און איז פון אידישע און ענגלישע קריטיקער בעטראכט געווארען אלס מאלי פיקאן'ס בעסטע ראלע.

„גנבה'שע ליעבע" איז רייך אין קאמישע סיטואציעס און מאלי פיקאן האט א געלעגענהייט צו שטיפען מעהר ווי אלעמאל. רומשינסקי האט פאר איהר אנגעגרייט איינינע זעהר געלונגענע נומערן מוזיק צווישען זיי: „אין מיינע אויגען ביזטו שעהן", „שכנים", „פארוואס", „כאפט א גנב", „גנבה'שע ליעבע" און אנדערע נומערן. עס נעהמען אנטייל אין דער אפערעטא מיט זעהר גרעסטענע ראלען: סעם קעסטין אלס אן אלטער גנב, פסח'קע בורשטיין, א קעשענע גנב, הערי פעלד, א שלעכטער גנב; טשארלי קאהען א גאט'ס גנב; לעאן גאלד אלס מאהלער, לוסי לעווין אלס מאדעל מיידעל און עס פארשטעהט זיך אז יוסף רומשינסקי מיט זיין שטעקעלע איז אויך דא צו דיריגירען די פארשטעלונג.

אונטערוועלט

(פארזעצונג פון פיידזש 8)

ווידערשטאנד. ניין, ער וועט שוין מוזען א פאהר טאן אן א זייט און א קוק טאן אויף דבורה'לען... כאטש איין קוק טאן אויף איהר... כאטש איין ווארט אויסרעדען מיט איהר... ער מוז טיילען מיט איהר זיין גליק...

אבער פעטריק... דער באס פעטריק... ער איז א שטריינגער מענש. דער ראזינער מר. פעטריק... ער זאל נאר ניט בייז ווערען, דער מר. פעטריק.

ניין, ער וועט ניט בייז ווערען... האט מאקס זיך אליין בארוהיגט. ער וועט שוין געפינען א תירוץ איהם צו זאגען... ער האט געדארפט צוואוארטען... דאן דער טרעפיק אויף די גאסען... האט זיך ניט געקענט דורכשטופען... נישקשה, ער וועט שוין וויסען וואס איהם צו זאגען...

ער האט א טרייב געטאן די מאשין איסט אויף דער הונדערט צוויי־און־אכציגער גאס און איז געבליבען שטעהן אין פראנט פון א גרויסען דראג־סטאר, אויפ'ן קארנער.

ער איז שנעל ארויסגעשפרונגען און איז מיט אימפעט אריינגעלאפען אינווייניג.

דער טאג איז געווען א הייסער, אין סטאר, ביי א סאדע־וואסער סטענד, איז געווען א גרויסער עולם. אלע האבען געוואלט סאדע וואסער און אייז קרים.

מאקס האט זיך קוים צוגעשלאגען אהין, האט געכאפט א קוק אויף זיין דבורה'לען... ווי מיעד און מאט זי קוקט נעבאך אויס. אבער ווי שעהן עס פאסט איהר דאס בלאסקייט אויפ'ן ליכטיגען פנים, און ווי זיס זי קוקט אויס אין דעם ווייסען כאלאט. זי איז בייז. זי האט קיין צייט ניט. זי וויסט ניט וועמען פריהער צו ענטפערען און וועמען פריהער צו דערלאנגען. און זי פארמישט זיך. און זי פארבייט די ארדערס. דער וואס האט געבעטען אייז קרים, דער קריגט סאדע וואסער, און דער וואס האט געבעטען א „מאלטעד" קריגט גאר אייז קרים.

דערווייל האט זי איהם דערזעהן, מאקס'ען. ווי ער איז אזוי געשטאנען צווישען עולם, שלינגענדיג זי מיט זיינע בליקען און ווארטענדיג אויף א געלעגענהייט צו קענען צוקומען צו איהר און איהר זאגען א פאר ווערטער. זי האט זיך אביסעלע פארלארען. זי האט געפיהלט ווי עס ווערט איהר ווארעם אין יעדען אבר און א רויטקייט האט זיך צוגאסען איבער איהר צארט־בלאסען פנים. עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז ניט נאר דאס פנים, נאר אז אפילו די העל־בלאנדע האר איהרע זענען רויט געווארען.

— העלא, מאקס... — האט זי אויסגערופען אויף שנעל און האט פון צומישטקייט אפגעשפריצט א קאסטאמער'ס פנים מיט סאדע־וואסער — א, עקסקיוז מי... — האט זי זיך דערשראקען און איז נאך מעהר צומישט געווארען.

מאקס האט זיך צוגערוקט נעהענטער.

— גיב א קוק, דבורה'לע... — האט ער שטיל א זאג געטאן צו איהר — זעהסט די מאשין? אין דרויסען, ביים קארנער...

דבורה'לע האט שנעל א קוק געטאן און אין איהרע אויגען האט א גלאנץ געטאן גרויס פרייד.

— א, מעקסי... ווי שעהן... ווע האסטו עס געקראגען?

— ערשט... נאר וואס... א, נא, שעהן, דבורה'לע?

— אוי, ווי שעהן... וואס ווילסטו טרינקען? א „מאלטעד"? יא, איך האב געוואוסט אז דו ווילסט א „מאלטעד"...

— אבער איך בין נעקסט... עס איז מיין נעקסט... — האט זיך געבייזערט א יונגע מוטער מיט א קינד אויף דער האנט — איך ווארט שוין דא א האלבע שעה...

— גיב איהר פריהער... דארע'לע... — האט מאקס זיך אריינגעמישט — איך וועל ווארטען.

— אט שוין, איך גיב אייך שוין, עקסקיוז מי... — האט דארע אייליגדיג גערעדט, כאפענדיג איין זאך און די אנדערע, פארשפריצענדיג זיך און די אנדערע מיט וואסער. — געה בעסער אוועק, מעקסי... — האט זי מיט א ליעבליכען שמייכעל זיך געבעטען ביי איהם — איך ווייס ניט וואס איך טו. אז דו שטעהסט מיר פאר די אויגען... עפעס פאלט מיר אלץ פון די הענט...

— איך געה שוין... איך געה שוין, דארע'לע... — האט מאקס געענטפערט — איך האב נאר געוואלט דיר באווייזען די מאשין... איצט געה איך... איך האב איצט קיין צייט ניט, דבורה'לע... איך וועל דיך זעהן ביינאכט... איך וועל דיך נעהמען פאר א ראיד... גוד־באי...

— היר איז יור מאלטעד... — האט דארא איהם נאכגעשריען. אבער מאקס איז שוין געווען אויף דער צוגעטער זייט טיר. ער האט זיך שנעל אריינגעזעצט אין דער טעקסי, האט געלאזט לויפען דעם מאטאר און איז באלד פארשוואונדען דורך א זייטיגער גאס.

ער האט זיך אפגעשטעלט ביים טווירד עווועניו גאראדוש און איז אריינגעלאפען אינווייניג.

דזשעק, דער מעכאניקער, פארשמירט פון קאפ ביז די פיס, איז איהם אנטקעגען געקומען.

— וועל, קיד — האט ער געזאגט — האסט די טעקסי?

— אודאי האב איך — האט מאקס געענטפערט מיט שטאלץ. — קום ארויס און גיב א קוק.

דזשעק איז ארויס אין פראנט און האט פון וויטענס געקוקט אויף דער טעקסי.

— איז'נט שי ביוטיפול? — האט ער אויסגערופען, רייבענדיג זיך די הענט.

— זי געפעהלט דיר? — האט מאקס איבערגעפרעגט מיט אנטציקען. און ער האט געפיהלט ווי ער וואלט איצט געקענט ארומכאפען דעם אויסגעשמירטען מעכאניקער און זיך צוקושען מיט איהם.

— אי וויש יו אל די לאק! — האט דזשעק אויסגערופען און האט איהם אריינגעשפארט די האנט זיינע, וועלכע איז געווען פעט פון אייל — דו ביזט א גוט באי, מעקסי. איך האף דו וועסט מאכען גוטע ביזנעס.

— א דאנק, א דאנק, דזשעק — האט מאקס איהם געענטפערט געריהרט, מיט טרעהרען אין די אויגען — וואו איז מר. פעטריק? אין אפיס?

— מר. פעטריק? ניין, ניטא מר. פעטריק.

— ניטא? — האט זיך מאקס געוואונדערט — ער האט דאך מיר געהייסען קומען אהער.

— איך ווייס ניט. פרעג אין אפיס. — האט דזשעק געענטפערט און איז אוועק צו זיין ארבייט.

אין אפיס האט די סטענאגראפערקע, טילי, איהם געזאגט, אז מר. פעטריק איז אוועק אין קאפע, „ראמא" און אז מאקס זאל צופאהרען אהין.

— וואס האב איך דארט צו טאן? — האט מאקס זיך געוואונדערט.

— ווהאט דו איי נאו? — האט טילי געענטפערט מיט א ברוגז קול און האט צוגעשמירט איהרע ליפען.

אן אומצופרידענער איז מאקס ארויס פון אפיס, האט זיך אריינגעזעצט צוריק אין דער מאשין און האט זיך געלאזט פאהרען צו דער „ראמא" קאפע, אין הארלעם.

מאקס האט געהאט א ווידערגעפיהל צו דער גאנצער הארלעם געגענט און איבערהויפט האט ער פיינט געהאט די קאפע „ראמא". די קאפע האט געהאט א שלעכטען נאמען. איטאליענער פלעגען זיך דארט צונויפקומען, און מאקס האט געזוכט ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען די געגענט און יענער קאפע.

איצט האט ער געמוזט פאהרען אהין. דאס הארץ איז איהם מיט אמאל געווארען שווער. וואס האט ער דארט צו טאן אין דער „ראמא"? ער האט געוואוסט, אז מר. פעטריק איז דארט אן אפטער אריינגעהער, כאטש מר. פעטריק איז גאר געווען אן איירישער. אבער מר. פעטריק קען זיך געהן וואו ער וויל און טאן וואס ער וויל. וואס האט עס מיט איהם צו טאן? וואס דארף ער, מאקס, געהן אין דער „ראמא"?

אבער מר. פעטריק איז אזוי גוט צו איהם... ער האט דאך איהם די טעקסי געגעבען... ער איז דאך איהם אזוי פיעל דאנק שולדיג... היינט דארף ער דאך פאר דער טעקסי באצאהלען... מר. פעטריק האט אודאי א דזשאב פאר איהם. א, מר. פעטריק קען צושטעלען פעטע דזשאבס. אז ער וועט זיך האלטען לעבען מר. פעטריק, וועט ער מאכען גוט... ער מוז מאכען גוט... ער וועט מאכען גוט...

מיט די געדאנקען איז מאקס געפאהרען דורך די גאסען פון הארלעם, ביז ער איז געבליבען שטעהן אין פראנט פון דער „ראמא". ארויסגעהענדיג פון דארט האט ער ווידער געווארפען א ליעבליכען בליק אויף דער טעקסי, האט מיט א שמאטע אפגעווישט דעם שטויב וואס איז איבער'ן וועג אנגעפאלען אויפ'ן גלאנץ, און איז דערנאך אריין אין דער קאפע.

אינווייניג איז געווען האלב טונקעל און ביי די טישלאך זענען געזעסען אין צוואווארפענע גרופעס עטליכע צעהנדליג מענשען. ער האט אבער דארט ניט געזעהן מר. פעטריק.

דער הויפט ווייטער, באמערקענדיג, אז ער זוכט אימיצען, איז צוגעקומען צו איהם.

— איהר זוכט אימיצען?

— יא, מר. פעטריק. ער האט מיר געהייסען קומען אהער.

— א, מר. פעטריק? — האט דער ווייטער איבערגערעדט און האט שארף א קוק געטאן אויף איהם — מר. פעטריק איז אויבען. צווייטער פלאר, רום צוועלף.

— קען איך ארויפגעהן אהין?

— יעס, שור.

מאקס איז ארויפגעלאפען די טרעפ און האט אנגעקלאפט אין דער טיר נומער צוועלף.

— קאם אין! — האט ער דערהערט א קול פון אינווייניג. ער האט זיך געוואונדערט. עס איז ניט געווען מר. פעטריק'ס קול.

ווען ער האט געעפענט די טיר, האט ער זיך געפונען אין א גרויסען צימער, מיט דריי גרויסע, ליכטיגע פענסטער וואס האבען ארויסגעקוקט צו דער גאס. די פענסטער זענען געווען אפען, און דער טומעל פון דער גאס האט זיך אריינגעריסען אהער. אין צימער איז געווען אנגערויכערט. א בלויער רויך־וואלקען האט זיך געטראגען איבער די קעפ פון די עטליכע מענשען וואס זענען געזעסען ארום דעם רונדען טיש, אין מיטען צימער.

מאקס איז אויף דעם ערשטען מאמענט געבליבען שטעהן אזוי ווי צומישט ביי דער טיר. די מענשען ארום טיש זענען איהם געווען פרעמד. ער האט זיי קיינמאל פריהער אין ערגעץ ניט געזעהן, אדער באגעגענט. עס האט איהם גענומען א לענגערע ווייל ביז ער האט דערקענט מר. פעטריק'ען צווישען די אנדערע מענשען ביים טיש. ער איז געזעסען אהן א ראק, און זיינע דיקע הענט, אין די ווייסע העמד־ארבעל זענען געלעגען איבער דער ברייט פון טיש. אין מויל, צווישען די ציינער, האט ער געהאלטען א דיקען סיגאר און דער שטערען זיינער איז געווען פארשוויצט. אויפ'ן טיש זענען געשטאנען האלב־ליידיגע פלעשער מיט א קאלטען געטראנק. די מענער ארום טיש, צוזאמען מיט מר. פעטריק, זענען, ווי עס האט אויסגעזעהן, געווען שטארק פארטיעפט אין א קארטען גיים.

— וועל, וועל, קום נעהענטער, מאי באי — האט מר. פעטריק פריינדליך גערעדט צו איהם. זיין קול איז געווען טרוקען און האלב־הייזעריג. און מאקס האט מיט אמאל דערפיהלט, אז ער האט דעם מענשען פיינט. און אז ער האט איהם אפשר קיינמאל אויף זיין לעבען ניט ליעב געהאט.

מאקס איז דערווייל אביסעל געקומען צו זיך און האט געמאכט א פאר טריט נעהענטער.

— אי עם סארי — האט ער געזאגט צו מר. פעטריק — איך האב זיך אביסעל פארשפעטיגט.

— ס'מאכט ניט, ס'מאכט ניט — האט מר. פעטריק געזאגט מיט א גוטמוטיגען טאן, א זופ טאענדיג פון דער גלאז — האסט ניט פארשפעטיגט גאר ניט.

מאקס האט זיך דערפיהלט אביסעל לייכטער.

— קום אהער — האט מר. פעטריק ווייטער פריינדליך גערעדט צו איהם — רוק צו א ביינקעל, זעץ זיך אוועק און מאך זיך היימיש. ווילסט אפשר עפעס טרינקען?

— ניין, א דאנק... — האט זיך ביי מאקס'ען ארויסגעכאפט קעגען זיין ווילען. גראד איז ער אין דעם מאמענט יא געווען דארשטיג.

— נו, — האט פעטריק ווייטער געזאגט — וועסט אפשר נעהמען א האנט? באקען זיך. ווער היימיש מיט די באים. אלע אייגענע.

— ניין, א דאנק... — האט מאקס זיך אפגערוקט — איך שפיעל ניט...

— סיסי... — האט איינער פון די ארומיגע אויסגערופען מיט עקעל און האט א שפיי געטאן אן א זייט.

מאקס האט געקוקט אויף איהם מיט אביסעל שרעק און אזוי ווי אומבאהאלפען.

— הער זיך ניט צו וואס ער זאגט — האט פעטריק געלאכט און האט געמישט די קארטען — דאס איז מיקי, א געוועזענער פרייז־פייטער. ער האט ליעב צו שפילען אין קארטען. אבער א גוט באי, וועסט עס אליין אויסגעפינען, ווען דו וועסט זיך נעהענטער באקענען מיט איהם.

— און דעם זעהסטו — האט פעטריק ווייטער אנגעוויזען אויף א הויכען, שלאנקען יונגענמאן מיט שווארצע, גלאט־געקעמטע האר — דער איז טארי, א טענצער אין א קאבארעט. אויך א גוט באי. און יענער איז מיצי, א בארטענדער... און יענער — — — זעהסט, אלע גוטע באים. וואוילע יונגע, לעבעדיגע חברה. ווער היימיש מיט זיי. וועסט קענען פארדינען לעבען זיי א לייכטען דאלאר. ניט אזוי, באים? — האט מר. פעטריק זיך געווענדעט מיט א שמייכעל צו די ארומיגע.

מאקס האט ניט ווילענדיג געשמייכעלט און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— שור מייק! — האט געענטפערט מיצי, דער בארטענדער און האט אויסגעליידיגט די גלאז — קום אהער נעהענטער, מעקסי באי. וועסט זיין א גוט באי, וועט דיר זיין וואויל און גוט.

מיצי האט אנגעגאסען פאר איהם א גלאז.

— טרינק, מעקסי — האט ער געזאגט צו איהם — שעהם זיך ניט.

— א דאנק. — האט מאקס געזאגט און האט גענומען די גלאז צום מויל. האט געפיהלט אז עס וועט זיין בעסער פאר איהם, אז ער וועט טרינקען און באהאלטען זיין אומרוהיגקייט.

— און איצט, מעקסי, דערצעהל וועגען דיין טעקסי — האט פעטריק ווידער גערעדט צו איהם מיט א ווייך קול — האסט זי געבראכט אהער?

— יא, געוויס! — האט מאקס אויסגערופען ווערענדיג מיט אמאל שטארק אויפגעלעבט — איהר ווילט זי זעהן, מר. פעטריק?

— יא, פארוואס ניט? — האט פעטריק געזאגט און האט זיך שווער אויפגעהויבען פון טיש — וואו איז זי, די טעקסי?

— אט דא, אין פראנט — האט מאקס אויסגערופען שנעל צוגעהענדיג צום פענסטער — דורכ'ן פענסטער קענט איהר זי זעהן.

אבער ווען ער איז צוגעקומען צום פענסטער, האט ער מיט אמאל ארויסגעלאזט א קוויטש און האט זיך א כאפ געטאן ביים הארצען.

— וואס איז? — וואס איז געשעהן? — האבען די אנדערע זיך דערשראקען. זיי האבען איבערגעלאזט די קארטען און זענען אלע צוגעלאפען צו די פראנט פענסטער.

— די טעקסי... די טעקסי... — האט מאקס געשטאמעלט און זיין פנים האט זיך באדעקט מיט א טויט־בלאסקייט — ערשט איז זי דא געשטאנען... איצט איז זי פארשוואונדען... ניטא...

— ניטא? — האט מר. פעטריק פארוואונדערט איבערגעפרעגט.

די אנדערע האבען מיט גרויסע אויגען געקוקט איינער אויפ'ן אנדערען.

היינטיגע פארזעצונג

קאפיטעל דריי.

מר. פעטריק ווייזט זיין כח

מאקס איז ארומגעלאפען ווי א ווילדער און האט זיך געכאפט מיט די הענט פאר'ן קאפ.

— מיין גאט, מיין גאט! — האט ער געשריען אויסער זיך — מען האט גע־גנב'עט מיין מאשין! וואס וועל איך איצט טאן? וואס וועל איך איצט טאן?

— נו, נו, וויין ניט ווי א בייבי — האט מר. פעטריק געזאגט צו איהם און האט ארויפגעלייגט די האנט אויף זיין אקסעל. — בארוהיג זיך. מיר'ן זעהן וואס מען קען טאן.

— וואו איז זי געשטאנען, די מאשין? — האט געפרעגט מיצי, דער בארטענדער, צוקומענדיג נעהענטער.

— אט דא, אנטקעגען דער טיר — האט מאקס געענטפערט, אנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן פלאץ וואו ער האט ערשט א ווייל פריהער, איבערגעלאזט די מאשין. — מיין גאט, איך האב זיך נאר רעכט ניט געהאט אנגעזעגענט מיט איהר! — האט ער געקלאגט.

מיקי, דער געוועזענער פרייז־פייטער, וועלכער איז ביז איצט געשטאנען פון דערווייטענס, איז צוגעקומען.

— וואס פאר א מאשין איז עס געווען, קיד? — האט ער געפרעגט מיט מיטגעפיהל.

— א טעקסי, — האט מאקס געענטפערט, קוקענדיג מיט צושראקענע אויגען דורכ'ן פענסטער, אזוי ווי ער וואלט געהאפט צו דערזעהן די טעקסי אויפ'ן זעלבען ארט, וואו ער האט זי איבערגעלאזט.

— א טעקסי? דאס ווייס איך — האט מיקי געזאגט — אבער איך מיין, וואס פאר א מין טעקסי איז דאס געווען?

— א בלויע, א בלויע טעקסי איז דאס געווען — האט מאקס געענטפערט.

— דאס איז געמיין! — האט אויסגערופען טארי, דער קאבארעט טענצער — חברה האבען געמוזט וויסען, אז א מאשין, וואס שטעהט אין פראנט פון „ראמא" איז פון אן אייגענעם מענשען. און זיי האבען זי ניט געטארט אנריהרען.

— דעט'ס רייט, מאי באי — האט פעטריק צוגעשטימט, בלאזענדיג קאלט־בלוטיג בלויע וואלקענס רויך פון זיין סיגאר.

מאקס איז געשטאנען א פארלארענער צווישען די מענער וועלכע זענען איהם געווען פרעמד און אפשטויסענד. ער האט ניט פארשטאנען זייער לשון און האט ניט געקענט באגרייפען זייערע אנדייטונגען. ער האט נאר געהאט א געפיהל, אז עס וועט זיין פאר איהם בעסער צו אנטלויפען פון דאנען וואס פריהער און וואס שנעלער, און קיינמאל מעהר זייערע פנימ'ער ניט אנקוקען.

אבער די טעקסי... די טעקסי... האט עס איהם געשאסען אזוי ווי האמערען אין קאפ. ערשט געווען און שוין ניטא. ווי וועט ער זיך ווייזען איצט אין דער היים? וואס וועט ער זאגען דער מאמען זיינער? און דבורה'לע... דארע... זי וועט דאך ווארטען אויף איהם... ער האט דאך איהר צוגעזאגט, אז ער וועט היינט ביינאכט ארויסנעמען איהר פאר א ראיד. א, וואס פאר א שלימזל'דיגער בחור ער איז!

— א, מר. פעטריק, וואס זאל איך איצט טאן! — האט ער זיך געווענדעט צו מר. פעטריק'ן מיט א געבראכען קול און מיט טרערען אין די אויגען.

— ביסי!... — האט מאקס ווידער דערהערט א קול הינטער זיך און דער אויסרוף איז באגלייט געווארען מיט א בייזען שפיי אויפ'ן פלאר.

אביסעל דערשראקען האט מאקס א דרעה געטאן דעם קאפ אן א זייט. עס איז געווען מיקי, דער געוועזענער פרייז־פייטער, מיט'ן צוקרימטען פנים און פלאטשיגער נאז. ער האט געקוקט מיט בייזקייט און פאראכטונג אויף דעם צושראקענעם מאקס'ן.

— וואס ביזטו, א בייבי, צי וואס? — האט ער זיך א לאז געטאן מיט אימפעט צו מאקס'ען, און מאקס האט זיך פון דעם נאך מעהר דערשראקען — וואס געהסטו ארום און קלאגסט? דו זאגסט ניט, אז דו ביזט איינער פון אונז. וועט דיר קיין בייז ניט געשעהן. מיר וועלען דיר דיין טעקסי צוריקקריגען.

— יא? — האט מאקס אויסגערופען דערפרעהט און זיינע אויגען האבען אויפגעלויכטען.

— אבער וויינען דארף מען ניט! — האט מיקי צוגעגעבען און האט ווידער א שפיי געטאן אויפ'ן פלאר, אפקעהרענדיג זיך פון איהם.

— וואס מיינט ער, וואס? — האט מאקס געטראכט און האט געפיהלט ווי זיין הארץ ווערט מיט יעדער מינוט אלץ שווערער.

מיצי, דער בארטענדער, וועלכער איז ביז איצט געשטאנען אן א זייט, איז צוגעקומען צום טיש.

— עס קען זיין — האט ער געזאגט — אז די „באים" האבען געמאכט א טעות.

— וואס מיינסטו א טעות? — האט מיקי זיך געקאכט.

— וועל — האט מיצי געזאגט — עס קען זיין, זיי האבען געמיינט אז די מאשין געהערט צו אימיצען פון דער אפטאון געגנט.

— נעווערמיינד — האט מיקי, ווידער זיך געקאכט — זיי ווייסען, אז די אפטאון געגנט קומט ניט אין דער „ראמא".

— מיקי האט רעכט — האט פעטריק זיך אריינגעמישט, רוהיג בלאזענדיג דעם רויך פון זיין סיגאר — דאס מוז זיין די ארבייט פון ליגא'ס באים. איהר וועט זעהן, חברה, וואס איך זאג אייך. ליגא שטרייט זיך צו ווערען דער באס פון אן אייגענער געגנט.

— דאס וועט ניט זיין! — האט אויסגערופען מיקי מיט כעס און האט א קלאפ געטאן אין טיש, אז די שויבען אין די פענסטער האבען א ציטער געטאן.

מאקס האט, פון דעם קלאפ, זיך איינגעצויגען אין דרייען. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דאס הארץ זיינס האט זיך אינווייניג אפגעריסען פון שרעק.

(ווערט פארגעזעצט)

הענרי ס. ראזענבערג
און קאמפאני
באריסטערס, סאליסיטארס א. ז. וו.
703—702 פעדעראל בילדינג. 85 ריטשמאנד סטריט
טעלעפאנס: עדלייד 1387 — 1386. אווענטען: היילענד 9415.
און אז איצט זענען פארבונדען מיט אים
האריים ג. בריסטאן און לעאנארד ס. סמיט

טעלעפאן עדלייד 6201. הויז טעלעפאן טריניטי 8665W.
לאיער פיליפ דאווידסאן
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק א. ז. וו.
810 סטערלינג טאוער בילדינג
372 בעי סטריט
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארטגיידזשעס.
ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פאר קרימינעלע קייסעס.

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן: ווייווערלי 2211
הויז טעלעפאן טריניטי 6418
לאיער ב. ווינבערג ב.א
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק.
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.

רעוו. פ. דאלגאף
דער בארימטער
מוהל
ספעציאליסט

אנערקענט אין אלע האספיטעלער פון אלע דאקטוירים
413 Dovercourt Road
TELEPHONES:
Lom. 1220 Tr. 7830j El. 3086

יעצט איז די צייט צו שפארען געלט
פרייזען וועלכע זענען אונפארגלייכבאר



נייע וואלנאט פיניש בעטען מיט ספרינגס און מאטראצען פון די בעסטע קוואליטי קאמפליט
$12.50
מיט איין פענעל
און $12.00 אהן פענעל
א ספעשעל אויף אייז־באקסעס בלויז $12.50
אלערליי לינאליומס און אוילקלאטס.
לינאליום, ספעשעל, פרייז 60 סענט א סקווער יארד
אוילקלאט, ספעשעל פרייז 35 סענט א סקווער יארד
ספעשעל קיטשען טשערס 69 ס.
פארסעלין קיטשען טאפ טייבעלס $5.50
פעלט מאטראצען אלע סייזעס $3.75
עס וועט זיך לוינען צו קויפען ביי דער
רייט פורניטשור קא.
651 קווין סט. וועסט
(2 טירען איסט פון באטהורסט)
טעלעפאן עלגין 6001.